STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00915

DERNER NOKHN REGN

Rukhl Fishman

Permanent preservation of this book was made possible by
Sol A. & Carolyn Rosen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דערנער נאָכן רעגן

רחל פישמאַן

פאַרלאַג „ישראל־בוך", תל־אביב
1966



דערנער נאָכן רעגן

רחל פֿישמאַן

דערנער נאָכן רעגן / רחל פישמאַן
לידער, געשריבן אין די יאָרן 1962—1966

פאַרלאַג „ישראל־בוך״, תל־אביב

צייכענונגען — דני קאַראַוואַן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון עליזאַבעט און ווילי שאַר־פאָנד
בײַם יידישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל

Derner Nochn Regn, Poems / Rokhel Fishman

©

נדפס בישראל
כל הזכויות ל„ישראל־בוך״

Published by „Israel Book"
Printed in Israel, 1966

דפוס „ארזי״ בע״מ, ת״א, רח׳ אילת השחר 4, טל. 34294

ווי זון אויף אָנגעהיצטן נאַקן,
ווי דערנער נאָכן רעגן,
שאַרף און ריין,
ניט אויסצומײַדן —
קומען לידער אָן.



אויפֿן וועג אַהיים

פרעמדע בערג

מײַנע לידער נידערן ווי שנייען.
ס'איז מײַן הארץ שוין אײַזיק-פול
און שטיל.
גרין
שוימען די ברעגן
פון זײַן בלויען שמייכל.

גיכער.
איצט די גוטע צײַט.
איצט אַ בלויע אָזערע אין הארצן.

טאָמער ווער איך בלינד?
טאָמער ברוינע בלאָטע-פלעקן?
טאָמער וועלן נײַקייטן ניט נידערן
מיט אַ שוימיק-גרינעם הירזשען?

■

מײַנע בלומן שמעלצן זיך ווי שנייען.
ס׳איז איין האַרץ
צו קליין.
ווי אַ ווילדער ליגן,
ווי אַ בייזער וויץ —
האָב איך זיך פֿאַרפֿלייצט מיט אמת.
שוואַך און טרוקן
זוכן
מײַנע וויסנס און געוויסנס
מיך אַרום.

פֿאַרגעסענע פֿרײַנד וועלן הײַנט פֿון מיר חלומען.
אומרויִק צינדן זיך ליכט.

■

אַבערגלויבנס טאַפּן מיך בײַם האַרצן
און אַנטלויפן
חסר דעה.
פּערפעקטע טרערן,
גרינע לאָקן
גוססן אונטער די פּיס.
מײַנע פּולסן און אימפּולסן
הירזשען היים.

לאָזט דורך! לאָזט צו!

עס בלויט בײַ מיר
אַן אָזערע, אַן אמתע, אין האַרצן.

אויף דער שיף

אַלע בליקן
הווידען זיך מיט דער לבנה.
שרעק און פּלענער
הייבן זיך —
און פֿאַלן.

עס בלייכט אויף מײַן שטערן
אַ זאַלצענער צייכן:
כ׳האָב אַ ניט־געבוירענעם
פֿאַרשטויסן.

דער ים האָט זײַן אייגענעם
זאַלציקן הימל.
אַ הימל אָן שולד.
דער דנאָ — אָן רחמנות.

אַלע זינענס און אומזינענס,
אַלע מע־טאָר־ניטן,
הייבן זיך —
און פֿאַלן.

בליקן. ווערטער. צײַן.

▪

אין די העלסטע מינוטן
אָטעם איך קוים, קוים.
און מיט פאַרמאַכטע אויגן,
ווי בײַ פּליִענדיקע פיש,
קום איך אַליין נענטער —
העכער.

פאַר וואָס איז פרייד אַזוי שטום?

אויף זילבערנע גליק־זילבן,
ווי אויף שופּן פון פיש,
גליטשט זיך מײַן האַרץ.

איצט ביסטו שטילער



אָ ציפּעלע, וואָס ווייַנסטו?
אַן עפּעלע? דאָס מיינסטו?

(מ. בראָדערזאָן)

איצט ביסטו שטילער

איצט ביסטו שטילער
פון מיר. און שטומער.
איצט ביסטו גאַנצער פון מיר.
עס וואָיעט אין מיר דײַן בליק
און קאָן זיך ניט דערשלאָגן
צו טרער,
צו תּיקון.
פון דער טרייסט,
אַ פאַרוועלקטע רויז,
פאַלן אָפּ אַלע בלעטלעך,
אַלע ווייכקייטן.
איצט ביסטו ווײַטער פון מיר
ווי איך צו דיר.
און איצט זײַנען מיר ביידע אַליין.

שלאָפסט בעסער פון מיר.

וואָס־זשע צינד איך ווײַטער
אין פענצטער דאָס לעמפּל?
פאַר וועמען?

■

אַ גאַנץ האַרץ טרוקן
און אין צימער
בלומען.
איך זיץ אויף מײַן שוועל
און ווער אַלט.

האָסט ניט פאַרטראָגן קעלט.

כ׳בין נאַקעט און ציטער
פאַרן ווינט
ווי פאַר זכּרון.

ווו נעמען אָטעם?
אויף בלומען
אויף זונען
יאָרן
זכּרון.

אַ גאַנץ האַרץ

אויף מײַן שוועל

קאַלט

■

איך בין פרי אַוועק פון הויז.

צו פיל ליבע,
צו פיל שטאָלץ,
צו פיל טרויער,
אויגן, אויגן.
צו פיל פּאָדער,
ייִדיש,
פרייד.

זעט נאָר!
ווי שיין דאָס קינד שטיפט.
ווי שיין דאָס קינד שרײַבט.
ווי שיין די קליינע לויפט פון אונדז אַוועק.

אַזוי פיל ליבע, אַזוי פיל שטאָלץ —
אַזוי פיל פּאָדער אין די רייד —
כ'האָב שוין צוגענוג און איבערפיל
צו שרײַבן
און צו שטומען.

טאַטע.

ווי
איז אַהין
דײַן פּנים.

■

ס׳איז פול מיט דיר די נאַכט
ווי מײַן פויסט איז מיט טרערן.

שווערער
ווי וויאַמאָל
זיצט אויף מיר
דײַן גלויבן
דײַן זיכערקייט
דײַן ליבע.

שווערער ווי ווענאַמאָל.

פאַרעקשנט
פלעג איך ברעכן קאָפּ אין וואַנט.
נאָר קיין וואַנט איז איצט מער ניטאָ.

ברוינאויגיק
ענלעך
בלינד
קוקן מיר זיך אָן.

ס׳איז פול מיט דיר די נאַכט
ווי מײַן טרער מיט דײַן ליבע.

הייזעריקע פייגל



בײַם פּוס פֿון בוים

אַ הויפֿן פֿעדערלעך צעשיט בײַם פּוס פֿון בוים
און לעבן זײ דאָס קערפּערל
פֿאַרטריקנט הויל.
אין ברוסט אַ לאָך.
ניטאָ דאָס הערצעלע.
פֿון שׂונא אויסגעפּיקט.

פֿעדערן, פֿעדערן, צעפּליקטע פֿאַפּירן.
איצט ליגן זײ רויִק די לידער, אַ הויפֿן.
איך —
מער אידיאָט װי מערדער,
שטײ
מיט לאַנגע אָרעמס און שװערע הענט.

פֿײגעלעך קינדער!
אַזױ איז עס שױן:
אָן אַ האַרץ —
קאָן אפֿילו אַ ליד ניט אויסשטײן
זײַן אײגענעם בעסטן שׂונא.

■

נאָך אַזאַ נאַענטקייט
זײַנען מיר אויך פֿאַר דער טיר
געבליבן שטיין
האַלדז אויף נאַקן.
אַזוי שטייען שעהען לאַנג
אײַזלען פאַרליבטע
מיט שײנע אויגן
און זײַדענע נעז.
ביז אַ ניט־גלייביקער
פֿאַרטרײַבט זיי
מיט שטיין און שטיוול.

אַן אָפֿענער הימל
האָט ניכטער צוגעזען
אונדזער צעגיין זיך.
נאָר ער ווייסט צי האָסט געהויבן דײַן האַנט:
אַ גוטן...

▪

זע נאַר!
דווקא אונדזערע הערצער
שמייכלען רויִק און זיכער.
זאָל עס מיינען, אַז דאָ איז זייער ריכטיק אָרט?
אונדזערע הערצער ליגן שטיל
און שמייכלען שטילער.

ווילד —
ווילד וויקלען זיך, וואַרפן זיך
הענט,
אויגן.
עס סאָפּעט אַ ברוסט, אַ באַק.
וועמענס?
עס וואַרגט זיך די פרייד.
עס פלאַקערט די סטעליע.

דער ווינט פון באַרג
גלעט זיך אַרײַן צווישן לאָדנס.
געטרייסטע פון זײַן באַריר
וועלן שלאָפן אַלע אונדזערע הענט
און ליפן
און אויגן.
עס ציטערן אָבער אונדזערע הערצער.
דער ווינט אָטעמט אויף זיי
מיט גורל
מיט טאָג.

■

פאָלג מיך — און שווייַג.
ווערסט ניט דעררײדן.
זע ווי גוט זיי האָבן דיר געענטפערט —
מײַנע צוויי פינגער
און דײַן לינקע באַק.

העלף מיר — איך זוך
די ביינער די דאַרע
פון אייגענע ווערטער,
זיך אין זיי אַרײַנצושווײַגן.
דערנאָך וועלן שפּריצן ענטפערס,
לידער.

קוש מיך — איך וויל
אויסשווײַגן מיט דיר
דעם גאַנצן אמת.
זע ווי גוט זיי האָבן אונדז פאַרשטאַנען —
מײַנע צוויי פינגער
און דײַן לינקע באַק.

■

דאָ,
בײַם פוס פון בוים,
מײַן אויסגעשטרעקטע האַנט
צו יענע טעג און נעכט
וואָס האַלטן מיך
פאַרקלעמט
אין זייער דלאָניע.

אַזוי ווי מילך — אַ הויכע גלאָז,
אַ ניט־געשריבן ליד,
אַ ווילדן אמת —
ס'האַלט מיך עמעץ פעסט
מיט בײדע הענט.
און איך ווייס ניט:
צי רחמנות בעטן —
צי דעם גורל דאַנקען, דאַנקען.

בײַם פוס פון בוים
מײַן אויסגעשטרעקטער חלום
צו יענע טעג
און נעכט.
איך וואַרט אויף זיי
מיט פולע אויגן
בלומען.

הימל צווישן גראָזן

שוואַרצע רעגנס,
גרויע נעכט,
נאָר
ביי מיר
און ביים גלבוע
איז גרין אויף דער נשמה.
גרין און גוט.

די זעלבע רויטע ליפּן,
דער זעלבער רויטער סוד.
אַ מאַנדלבוים,
אַ בליִענדיקער חלום.
אין דער זון, נאָכן רעגן —
שיינען באַקן,
פעלדזן בליאַסקען.

שוואַרצע רעגנס,
גרויע נעכט.
מיר טראָגן זיך אַרום מיט אַ ליד
צווישן די ציין —
אַ צווייגל ראָז,
פאַרלאַנגען.

■

עס רעגנט אַרײַן דורכן פענצטער.
מיט אָוונט,
מיט בוים
און מיט גליק.
דו צינדסט אָן דעם לאָמפּ
און עס כוואַליעט
מיט ליבע ווי ליכט אונדזער שויב.

■

ווי הארץ-קלעפּ
האָבן דונערס זיך געקײַקלט
באַרג-אַראָפּ.
הייזעריקע פייגל זיצן אויף די ביימער
ווי אַ לעצטע האָפענונג
און שווײַגן.
עס בליצט פאָרויס אַ שרעק—
סוף-וועלט! אַן עק!
דער הימל ליגט
באַהאַלטן צווישן גראָזן.

ביז בײַ דונערס געפאַנגענע,
פאַרשפּאַרטע אין שווערע זעק,
שטילן זיך די בלוטן —
שמעקט שוין אַלץ מיט רעגן.

דער רעגן רויִק רעגנט.
עמעצן וויל ער אײַנרעדן:
„מיט גוטן. נאָר מיט גוטן.‟

שטיל דער באַרג.
פֿון איין זײַט מויל
רינט ברוין בלוט
צום טאָל אַראָפּ.

דער הימל צווישן גראָזן שטראַלט.
פֿאַרגעסן אַלץ. אויך די ריכטונג
פֿון גן־עדן.

בײַ אונדז דער פֿרילינג

בײַ אונדז
דער פֿרילינג —
אַ פּאָר טיפּע אָטעמס.
גרין
און גאָלד
און האָניק.
אַ נאָגעניש.
אַ מאָנעניש.
אין אײן באַק פּאַטשט אַ מבול גרינע רעגנס,
אין דער צװײטער פּאַרעט בלױ און זון.
אַ קאַפּריז
אַ נס
אַ רעגן־בױגן:
פֿרילינג.

■

די נעכט לאָזן ניט שלאָפֿן.
דער צעבליטער סאָד
קומט אַלץ נענטער, זיסער
מיט יעדן ווינטל.
די ביימער
בלײַבן אויף יענער זײַט פֿענצטער.
נאָר עס רוקט זיך אויף אונדז
לײַכטפּיסיק
אַ משוגעת. מײַנע לונגען
האַלטן דעם זיס־שטאָף
ניט אויס.
איך ליג אין דער פֿינצטער
אָן אָטעם,
אָן חלום.
און דערמאָן זיך.

■

מיט שטרענגער האַנט
און צאַרטע פינגער
שטייען מיר בײַם װײַנשטאָק.
ער האָט זיך שױן פאַרקלעטערט װײַט
און פאַכעט װילד
מיט קרײַזלעך פינגער.
אײַנקניפּן װיל ער זיך
אין הימל,
אין דער פעסטער בלױקייט.
מיט שטרענגער האַנט
און צאַרטע פינגער
גיבן מיר אים צו פאַרשטיין.

און װידער בין איך אָנגעבלעטערט גרין
פון אַלע זײַטן.
און װידער בענק איך גרין
נאָך בלױע תהומען.
און װידער קריך איך
װוּ מען דאַרף מיך ניט.
צאַרט —
צאַרט בעט איך בײַ אײַך:
גיט מיר צו פאַרשטיין.

▪

צעביסן אינאײנעם די ליפּ
און דאָס ליד.
אַזוי דין — הויט.
לעכערלעך שוואַך די צאַמען
וואָס לאָזן
דעם אמת ניט צו.

אַז דו וועסט עלטער ווערן
זאָלסטו וויסן אַן אונטערשיד
פון דעם ים
מיט אַ מבול דערקוויקן,
ביז אַ שׂרפה אין פלאַמען
דערשטיקן.

אוי מאַמע

■

נאָך אזא ווינטער
זײַנען פּרעכטיק
די דערנער.
געזונט, זאַפּטיק
שטייען זיי גרייט צום שטעכן.
מיט אַ באַזונדערע הנאה טוען זיי דאָס.
נאָר די קעפּ זייערע
פון ווייכסטן זײַד,
פון פּורפּלען.
די קעפּ באַווײַזן ניט
ווײַס ווערן.
פלײַסיקע פייגל פעדערן זיך
מיט פּורפּלנעם פּוך
די נעסטן אויסבעטן.

דערנער
שטאָלצע
בלײַבן ניט־צורירלעך.
קיין סימן ווייכקייט. די היצן
וועלן אַ גאַנצן זומער
אויף זיי הענגען.
צעוויטיקטע
וועלן זיי איינעם דעם אַנדערן
שטעכן — שטעכן.

■

פון אַלע בלויע הימלען
זײַנען דײַנע ברוינע אויגן
די בלויסטע.

פון אַלע גרינע ווײַטן
איז דײַן בלייכער האַלדז
דער נענטסטער.

פון אַלע זונען
איז דער זומער
הייסבליקיק
קיללּיפּיק
ברוינהויטיק
האַרטנעקיק
גאָלדן
זים.

■

דאָ
אין ווינקל־עק פון צוויי פעלדזן,
אָפּגעזונדערט,
שטיל,
באַק צו באַק
מיט אַ פרימאָרגן־שעה.
דער פעלדז דער צווייטער
האַקט אָפּ
דעם בליק צום עמק.
צו פרייַנד
און היים.
קיל דאָ
ליגן אויף דער פלייצע
מיט קאָפּ אין ווינקל־שאָטן.
ס׳ווילט זיך ניט אַרויס פון דרייַעק:
הימל,
דערנער,
צעאַקערטער האָריזאָנט.

אויפגעפינקלט
האָבן אַלע ווינקלעך שלווה
ווען די זון
מיט הייסער לאָגיק
האָט פאַרכאַפּט דעם אויבן־אָן.

א בלויער, בלײַבט דער הימל
באַלאַנסירט
אויף שפּיץ-דערנער.
פרילינגדיק-צעאַקערט מײַן געמיט
און גרייט:
פאַרן זומער,
פאַרן מאָרגן.



מעת- לעתן

מעת־לעתן

א

שוין
אַדורך
און פֿאַרבײַ
אַזוי פֿיל
מידע שטומע מאָגערע
קאַראַוואַנען
די נאַכטיק־אָפֿענע
מידברס פֿון מײַן הארץ.
קוים
אַ גלעקל אין זכּרון.
אַ שטערן פֿאַרשווינדט.
קלינג.
אומשולדיק־ראָז ווי באַשלום
פֿרימאָרגן דער הימל
איבער ווילד־אָפֿענע שטרעקעס.

דאָך:
ס׳בלײַבן אויגן —
לאַסטפֿערד געניטע.
געפֿענטעט בײַ פּלויטן־אָוונט
פֿון ניכטערע היימען,
פֿון פֿעלדער פֿון פֿעטע,
פֿון פֿרייד — און פֿון טרערן.

ב

לויטער, גרינג, אויסגעצוואָגן,
לאָז איך זיך גרוים-לבנהדיק
דיר אנטקעגן.
ערנסט און ערב יום-טובדיק.
איך לאַך ניט. איך לויף ניט.
טאָמער אַ טעות
אַ מעסער
אַ טרער
האָט דיך פאַרהאַלטן
באַהאַלטן פון מיר.

וואָלקנס באַגלייטן מיך.

ג.

ווען דו קאָנסט מיך כאַפּן
מיט גענויען וואָרט —
וואָלט אונדז ביידע קלאָרער געוואָרן.
נאָר אַז דײַן קומען
איז אַן אָוועקזײַן,
בלײַבן מיר צוזאַמען
די אומגענויקייט אַליין.
דײַנע ליפּן —
אַ מעסער
מיט אַ רעגן־בויגן.

און ווידער ווערט אַלץ היים־פאַרוואָלקנט
און דו זוכסט מיך
מיט
די
ליפּן.

ד

כ'לויף
און האָב הנאה פון מײַן פלינקייט.
פון שיינעם וועג,
פון בליקן הייסע,
גוטע פרײַנד.
כ'לויף.
און עס קריכן נאָך די יאָרן.
לאַנגזאַם
פון איין שיידוועג צום צווייטן.
איך פאַרוים —
און זיי! העט ווײַט
מיר הינטערשטעליק.

ווי אַזוי זשע
האָט פּאַסירט
אַז הײַנט בײַ דער אַרבעט
בײַם בוים
(איך מוז אַלץ פּינקטלעך דערציילן),
בײַם שנײַדן אַ צווײַג,
זאָל די זעג —
די זעג פון מײַן רעכטער האַנט צוגעהאַלטן —
אַ שפּרינג טאָן אויף דער לינקער
און מיט אירע זעגיקע ציין
דורך הויט
צו מײַן בלוט זיך דערטאַפּן.

װען האָט די צײַט באַװיזן
מיך דעריאָגן —
איבעריאָגן?
זי לױערט איצט אין יעדן װינקל
דאָ אַרומעט.
הײַנט האָבן די יאָרן
זײער ערשטן שפּור אין מיר אַרײַנגעשניטן.
די צײַט האָט מיך
בײַ דער האַנט אָנגעכאַפּט.
װאָס װיל זי?
צי װײסט זי, אַז בײַ מיר
װעט זי קײן פּונקט חלום ניט קאָנען אָפּמאָנען
פֿאַר גראָשן יאָרן?

ה

אַזוי ווײַל איך פֿאַלן:
מיט אָפֿענע ליפּן און אָרעמס און אויגן.
אַראָפּ־צו.
כ׳וועל פֿאַלן אָן חשבון.

אָן חשבון
אַראָפּ־צו
מיט אָפֿענע ליפּן און אָרעמס און אויגן.
פֿאַלן.
בײַ קײנעם ניט פֿרעגן,
מיט קײנעם ניט רײדן.

נאַראָנים
און בלומען
זײ מײנען:
איך בין דער רעגן.

ז

איך אַ שעפּס
און דו
אַ מע.

עס וועט דאָ ניט העלפן קיין אײַזערנע קאַם.
לאָקן און לאָקן. אַ ים.
שפּאַצירן מיר בײַם ברעג:
איך אַ באָרוועסע
און דו
אַן זאָקן.

עס וועט דאָ ניט העלפן קיין קאַם.
לאָקן
איבער די אויערן.
ליגן מיר אויפן זאַמד:
איך אַ נאַקעטע
און דו
אַן אַ העמד.

כ׳האָב אין אַ חלום דערזען מײַן לעבן.
אַ פולע קרוג. אַ פּאַנאָראַמע.
ערשט די זון,
דער ים
און אַ לאָקן־פּלאָנטער
װאַסערפאַלן אַריבער
אויך אויף יענער זײַט ראַם.

נאַרישע קאַם!

ז

אַזוי ווי דו, קעצל,
ליגט דער באַרג הײַנט פרי
אויסגעשפּרייט
אין דער זון.
ס׳איז אים וואַרעם און ווייך.
פון די טיפענישן
מורקעט עפּעס אַזוי ברוסטיק אַרוים
פון אײַך ביידן.
אַ באַרג וואַרעמט זיך אויף דער זון
מיט פאַרזשמורעטע אויגן
און וואַכע אויערן.
ברומט, פאַרברומט אינזיך.
קוקט זיך גוט צו —
וועט איר אַפילו זען
ווי אַזוי ער ציט אַרויס און אַרײַן
די נעגל (פון גרוים ווואָלטאָג)
ווען איך גיי פאַרבײַ.
אַזוי ווי דו, קעצל,
אַזוי ווי דו.

ח

טעג און נעכט.
און ווידער טאָג
און ווידער נאַכט.

גאָר אַנדערש גייט די זון אויף
אונטער מײַנע הענט,
און אַנדערש לעשט זי זיך
אין דיר, אין שיינער טרער.

אַנדערשער קאָן ניט זײַן.

ערשט ווען עס שנײַדט דער עלנט
פון אונדז ביידע שטיקער בענקשאַפט,
ווערן מיר ענלעך.

און ווידער טאָג און ווידער נאַכט.
איך וויל זיך מיט דיר ניט געזעגענען.

ט

גוטע לידער שרײַבט מען ביז עלף אַזייגער.
לידער
שרײַבט מען
ביז מע וואַכט אײַן.
אַז מע וואַכט אויף,
נעמט מען די גוטע לידער
און אָדער מע צערײַסט זיי פּאַסיקלעך, פּאַסיקלעך
און קעסטעלעך, קעסטעלעך —
אָדער מע סקראַמטשעט זיי צונויף אין פויסט
פּילקעלעך, פּילקעלעך.
און (להבדיל) די לידער
הייבט מען אויף
און מע ווישט אָפּ פון זיי די סלינע
און מע גייט זוכן אַ פרײַנד
אים זיי ווײַזן.
און אויב דו האָסט צוויי פרײַנד
גייסטו, גליקלעכער, זוכן
די צוויי פרײַנד
זיי זיי צו ווײַזן.

י

די לבנה הייבט זיך אויף פון מיזרח.
שווער מיט זיך, מיט זינד.
מאַראַנצן־רויט
רײַסט זי זיך אַריבער ביימער.
וואָס העכער — אַלץ געלער.
און אין אַ שעה אַרום
וועט זי אַ בלייכע, ווײַסע
לייקענען אַלץ.

פרעגט איר ניט
ווי זי האָט זיך געוואַלגערט אַ גאַנצן טאָג.
זי שטייט אויף אין אָוונט
און עס פלאַמט מיט איר
אַ גאַנצער האָריזאָנט.

יא

איך וויל אַזוי שלאָפֿן.
פֿאַרגעסן אין זיך,
אין דיר,
אינעם אמת.
אויפֿשטיין מיט אַנדערע אויגן,
מיט אַנדערע האָר.
אַן ביכער, פּאַפּירן מײַן טיש.

איך וויל אַזוי שלאָפֿן.
אויפֿן בויך. די הענט אַרום קישן.
דערמאָנען זיך פּינקטלעך
ווי איך
און דו
און דער פֿרילינג
האָבן זיך אויף איין טשוואָק
אויפֿגעהאַנגען.
און עמעצער האָט געוויינט,
און עמעצער האָט געלאַכט,
און דער אמת האָט זיך געמיט
כאָטש דער פֿרילינג
זאָל פֿון טשוואָק אַראָפּ.

יב

אַ מאָל אין דער נאַכט
קלאַפּט אָן אין אויער,
אין צאַרטן אינוויייניק פון ליד,
אין פאַרהוילענע לאַבירינטן,
קלאַפּט און טאַפּט
שיִער ניט ערנסט, דערוואַקסן —
אַ גרויס-מאָטיוו.
גרויס הונגער.
גרויס באַגער.

אַ מאָל אין דער נאַכט
און אַ מאָל אין סאַמען גלי פון טאָג
שטויס איך זיך אָן אינעם קוק
פון אַן אָפּן אויג.
אַ לאַכנדיק אויג.
דעם אמת זוכט ער.

ס'קומען מה-טוב מאָטיוון,
און מאָגערע מייַז,
מעלאָדיעס שטילע.
ס'ברענגט יעדערער זייַן משוגעת,
יעדער זייַן אייגנס...

אַ צו בלויער הימל
און אַ צו פֿריִער פֿרילינג
האָבן מיט זאַלץ און זון
אַרײַנטאַטוּירט אין מיר
זייער ריטעם, זייער ווונד.
ווילדער טאָם-טאָם:
שיִער ניט ערנסט, פֿאַרשעמט —
כ'האָב אין דיר
דערקענט
מײַן אייגן משוגעת.



ניט גרין

נעכטן האָט רעגן גערעגנט

נעכטן האָט רעגן גערעגנט
מיט שטילער כּוונה,
מיט נאַסער.
אַ וואָלקן
איז געבליבן הענגען
איבער אונדז
אַ מטיף, אַ בלאַסער.

מיר האָבן געלאַכט.

דונערס האָבן געסטראַשעט.
בליציק אין הארצן געצילט
פון דער לבנה — איין־אַליינינק.
ס'האָט די נאַכט
ווי אַ הונט זיך צעבילט.

כמאַרעס גאַנצענע טשערעדעס
קומען לאַנגזאַם אין שטומען גאַלאָפּ.

אָנגעדראָלן
אויסער זיך די דונערס.
דאָס געדולד טוט פּלאַצן!
ס'איז אַ סיגנאַל. ס'רײַסט אויף
די נאַכט, די כמאַרעס. יאָ!
ס'האָט עמעץ אַלע לייצעס אָפּגעלאָזט.
Aprés moi le déluge
— און אויס קאָנטראָל!

בליצן,
פאַרהונגערטע קעץ,
האָבן דעם געפּאַלענעם הימל
אויפגעפרעסט.
גיכער, גיכער
טראָפּנס פּלאַכע.
ס׳גייט אַ שוויַיגן, אַ פינצטער,
אַ שרעק.

צי האָט ווייניק געוויינט די לבנה?
נאָך קאַפּעט פון איר צו די ביימער.
צו פּנימער. שטיינער
און פעלדער שמייכלען,
שלאָפן ווי מאַמעס.
רעגן רעגנט ארויף, אראָפּ.
דער הימל איז אָפן.
ס׳האָט אַ נס, אַ נאַסער,
אים אין הארצן געטראָפן.

נעכטן האָט גערעגנט
און גענאַסט.
די צוקונפט
איז געבליבן הענגען איבער אונדז —
פאַרבלאַסט.

און מיר האָבן געלאַכט
און געוואַרט
אויף דער נאַכט.

ווער קען עס וויסן

אַז גליסט שוין איצט
אַזוי העל און שטראַלסט
אין אַלע אונדזערע בליקן —
ווער קען דען וויסן
דײַן ליכטיקן גורל?

ווער קען עס וויסן
צי ברוין, צי גרוי
וועלן לאַכן דײַנע אויגן?
זיכער נאָר:
הימלען
וועסטו האָבן בלויע,
טיפֿע.

ווער קען עס וויסן
צי ס׳איז באַשערט.
וועט דיך אויך אַ מאָל
אַ ריינער בויגן פּאַפּיר
אומגליקלעך־גליקלעך מאַכן
זיכער נאָר:
עס האָט די זון
שוין געלייגט אויף דיר
איר היים און אָפן אויג!

צו וואַן גאָג!

עס פלאַקערט אַלץ
דײַן העלער שגעון
אויף אונדזער הימל
און דײַנע בלויע פרילינגס
בליִען, בליִען —
בײַ אונדזערע וואַכעביימער.
וואַנגאָגישע הימלען,
וואַנגאָגישע זונען:
ביסט בײַ אונדז מגולגל ווידער,
ווינסען.

צי וועלן מיר אויכעט פון זינען אַראָפּ
אין זומער בײַטאָגן?
צי וועט אונדז אַ גרויסע, געלע
חיה פאַרצוקן?
ווער וועט דאָן זייען?
ווער וועט די גאָלדענע כוואַליעס
שנײַדן — צום שײַער זיי ברענגען?

דיר איז וויל.
ס'האָט די זון
דיר פּאַר אַ פלאַמיקן אויער געפירט
מעת־לעתן. אַ ליכטיקע וועלט
מיט געוואַלד דיר געוויזן.
דײַנע רויטע אויגן
האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן:
פּאַרסאָפּעט גאָלד די פעלדער,

פולע הימלען — זון.
אַ פיבערטאַנץ פון וווּקס און לעבן.

דײַן שרעק, דײַן עלנט
און דײַן שטומקייט
קאַרטשען זיך פאַרגליווערט
בײַ די ציפּרעססביימער.
קרום
זײַנען די שאָטנלאָזע שאָטנס.

אין די בלויע נעכט
לבנהט אומעטיק דײַן אויער.
גרויס און באַשיידן,
אַן אָוועקגעשליַידערטער,
בלײַבט ער הענגען
איבער ביימער.

נאָענט צוגעבויגן
היט אַ טויבער שומר
שטומע סודות.

איז דיר ווידער ווויל דאָ, ווינסען?

פּיליגראַמען

איידער איך גיי דיך זען —
עס איך עפּעלעך.
אפשר ביסטו ניטאָ אין דער היים.

■

כ׳האָב זיך פֿאַרקוקט אויף דײַן האַנט
און דײַן האַנט האָט זיך
(גאָר אָן דײַן װיסן)
צעשמייכלט.

■

צו צוויי יאָר
זײַנען מײַן יינגעלעס פּיאַטעס
ניט אַזוי גלאַט און ראָז און פּיצל
ווי געווען.
צו צוויי יאָר —
אָדער ער לויפט,
אָדער ער פאַלט.

■

דער יינגל פון אייבערשטן שטאָק
לערנט זיך טשעלאָ.
היינט האָט ער לאַנג געפּאָרשט צוויי נאָטן.
אַלץ דערמאָנט
אין דיין קומען.

■

דאָס לאַשיקל בריקעט אין פעלד.
זײַן מאַמע
קוקט אים נאָך
מיט אויסגעצויגענעם האַלדז.
פון צײַט צו צײַט
לויפט דורך איר רוקן אַ בליציקער גליק-ציטער.

■

גרויסאויגיק,
גלײַכגילטיק
קוקן די שווערע קי
מײַן יינגעלע אָן.
מיט אַ שטעקעלע סטראַשעט ער זיי:
אַוועק!
אַ לאַנגע צונג טוט אים שאָרסטיק אַ לעק אין באַק.

האָבן קי
הומאָר?

■

איך האַלט דײַן בריוו
אין מײַן האַנט.

אין אַ סלאָיעלע אויף מײַן טיש
פרישע בלומען.
זיי קוקן מיר אין האַרץ אַרײַן.

▪

דרײַ שאָטנס
קען איך:
דער באַרג אויף אונדזער עמק;
דײַן האַנט אויסגעשטרעקט
צו מיר;
אַ קינדס וויִעם
איבער רונדער באַק אראָפּגעלאָזט.

און אַ פערטער
און אַ פינפטער שאָטן,
וואָס איך זע איצט —
נאָר די שאָטנס פון זייער שאָטן.

מער היץ

איין אַקסל עטוואָס העכער.
ליפּן צעעפּנט, פול.
דער רוקן רויט,
דער בויך — בלייכלעך, גרין.
גרייט, כּמעט ריַיף,
בין איך גאָר צום מערסטנס ענלעך
אַ הענגל רויטע טרויבן —
איין וואָך פאַר זייער קליַיב־ציַיט.

איין וואָך פאַר זייער קליַיב־ציַיט
קאָן מען זיי גאָר ניט באַרויִקן.
זיי ווילן: מער זון, מער היץ, מער ליבע!
און טאָמער ניט, וועלן זיי —
סטראַשען זיי —
שוין קיין מאָל אויף גאָרניט טויגן.
נאָר זויער מיט אַנטוישונג,
און גרין פון צו לאַנג וואַרטן — — — ...

זיסע רויטע טרויבן:
סטראַשעט! פאָדערט!
איין וואָך פאַר איַיער קליַיב־ציַיט
ניטאָ אַזאַ אַכזר
וואָס וועט איַיך ניט פאָלגן.

גאַטעניו

הייב מיך יאָ אויף!
אַזוי קאָן מען לאַכן!
אַצינד
וועל איך אויסטרינקען
די רויטע נשמה פון פרייד
עד תום.
העכער.
ווילדער.
אַ פאַרפאַלענער גליק-באַלאָן
פאַרשווינד איך פון זיך אַליין.
און באַוויַיז זיך ווידער —
העט וויַיט, העט פריַי.
הייב מיך אויף!

נאָך דער איצטיקער פרייד-אייביקייט,
ווייס איך גאָרניט,
וויל איך גאָרניט.
ס'איז מיר אַלץ איינס —
אַרונטער, אַוועק.
כ'האָב דעם עסענץ פון גליק פאַרזוכט —
מעגסטו מיך וואַרפן.

ניט גרין

זיכער מיט זיך,
מיט גליק פול,
לאָזן זיך ערנסטע, אײַנגעבירגערטע,
פעסטע פאַרוואָרצלטע
איילבערטן
אויף לײַכטזינדיקע, זיסזיניקע
אַבסורדן.

צי זײַנען דאָסביימער?

זיי בליִען. זיי בליִען. און לאַכן בעת־מעשׂה.

עס שטײַגט אַ פרייד
ווי אַן אומזין אין האַרצן.
גאַנצע שטיקער בלויער הימל
טונקען זיך אין בליִעכץ.
ווײַסע מײַלעכלעך זייגן
אי פאַרב, אי מאַרך, אי טעמפּעראַמענט.
דער הימל ליגט פאַרחלשט
אויף ביימישע בלי־קני.
שוין מאָרגן אָבער
נעמט אָפּלאָזן.
און דער איילבערטבוים, דער רעאַליסט,
האָט מיט אַ מאָל אַ שמעקעוודיקן שאָטן.
זײַן הויך — צופוסנס.

איך בין אויך גרייט
מײַן לענג און ברייט,
מײַן ווערט,
מײַן מאָס,
מײַן אויפטו,
זען אויסגעשפּרייט פאַר זיך
ווי אָפּגעבליטער בלימעלעך,
ווי טויזנט־און־איין לאָך
פון צאָרט און פּראַכט.

■

אין יונגן סאָד,
צווישן וואַקסנדיקעביימער,
דערשפּיר איך מײַן טויט.

אין אַלטן —
נעבן די אָפּט־געפּרוּווטע פּרוכט־געבער,
זוך איך די זיכערקייט.

ניט גרין,
נאָר ווײַס און היים און מיט אַ מאָל
בליט דאָ מײַן קינאה,
מײַן וועלן
צו דיר.

▪

ביטער
איז די דינע קאָרע
וואָס טיילט קוים
דײַן תּוך
פון מײַנעם.
ווי האָט עס פּאַסירט
און ווען?
מיט זעלטענעם צוטרוי
ליג איך אין דײַן שאָטן.
דער הימל איז אַ ווײַט,
אַ נאָענט.

ס׳געפעלט מיר דײַן פּילבלאַטיקייט.
און יעדעס בלעטל —
מערטאָניק.
דײַן זילבער גרינט,
דײַן גרין גרויט.
דאָס געפעלט מיר.
בײַ מיר
בלײַבן תּמיד ברוין
די אויגן.

איך קוק זיך צו
ווי דו בייגסט זיך,
ווי דו בײַטסט זיך.
צי ביסטו פֿאַרשײַט?

אייגן ביסטו מיר
און נאָענט.
פֿאַראיינט איצט
און צוזאַמט
פֿלאַקערן מיר
ווײַס און ריין
און אויסערזיך
אין די בלי־נעכט.
אפשר דאַן —
און נאָר דאַן
פֿאַרשטייען מיר זיך,
פֿאַרגיבן מיר זיך.

▪

אוי גרויער סוף־זומערדיקער סאָד מײַנער.
וויפל בלעטער, וויפל איילבערטן,
וויפל גרין־זילבער
דו פאַרמאָגסט.
און אויף אַלץ
רוט שטויב — ווי די שכינה.

טאָג נאָך הייסן טאָג
רײַב איך זיך בײַ דײַנע זײַטן.
הויפנס
שטויב און פרוכט און שווײַגן
נעם איך צו פאַר זיך.
די שכינה
בלײַבט אָבער דײַנע.

כ'ווער מיד.
מיט צווייפל
מײַן פנים פאַרשמירט.
מיט זומער.

סאָד!
לאָז מיך דאָ
אין דער שכינה־נאַכט.
איך דאַרשט צום סוד פון רו
און גלויבן.

כ'וועל דיַין וואַכן שלאָף ניט שטערן.
סוף-זומערדיקע ריינע שטויבן:
דעקט מיך צו —
ווי אַ נס
ווי אַ טוי
ווי די שכינה די ביימער.

אינהאַלט

אויפן וועג אַהיים

פרעמדע בערג 9
אויף דער שיף 12

איצט ביסטו שטילער

איצט ביסטו שטילער 18

הייזעריקע פייגל

בײַם פוס פון בוים 25
הימל צווישן גראָזן 30
בײַ אונדז דער פרילינג 34

מעת־לעתן

מעת־לעתן 45

ניט גרין

נעכטן האָט רעגן גערעגנט 63
ווער קען עס וויסן 65
צו וואָן־גאָג 66
פּיליגראַמען 68
מער היץ 76
גאָטעניו 77
ניט גרין 78

ביכער פון רחל פישמאַן:

זון איבער אַלץ

לידער

פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל־אביב, 1962

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

ביז איצט דערשינען:

וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש שאַפן אין ישראל
צונויפגעשטעלט פון **אריה שמרי**

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער